## צווישען צוויי וועלטען

א פינסטערער „תהו ובוהו״ הערשט אויף גאָט׳ס וועלט, אין סאַמע מיטען וועלטען־רוים, ציהט זיך א פאָדים, וואָס פון דעם פינסטערען אבגרונד, ביז דער העכסטער טיפעניש פון דער הימ־לישער אונענדליכקייט...

דאָרט אויבען גאַנץ הויך ארום דעם פאָדים, וואָס האָט זיך איינגעגעסען אין דעם האַרץ פון הימעל־געוועלב הענגט אויף וואָס, א הימליש שעהנע יונג־פרוי אין בלאָהען איינגעהילט, וואָס איז בעפּערלט פון טויזענדער זילבערנע שטערענדלעך, פון וועמענס בוזים עס אטהעמט ארויס א הימליש־דופטענדע, ווייבליך־וואַרימע קיהלבליכקייט, אויף וועמעס ליפּען עס רוהט א געטליכער שמייכעל.

צוויי גראַהע גרויסע „עמוד־ענן״ אויגען, ווינקען ליעבליך אַרונטער, און צוויי ענטבלויזטע אַרעמס, פון וועלכע עס זינגט ארויס איהר גאַנצער ווייבליכער רייץ, זיינען האַפנונגספול פער־שפּרייט איבער אונזער אירדיש קעפּיל.

פון אונטען גאַנץ טיעף אין דער סאַמע מיט פון טיעפען פינסטערן אבגרונד, וואָס אַרום דעם פאָדים, בעוועגט זיך אויף וואָס א ווייבליכע פיגור, אין שווארצען איינגעהילט, פון וועמעס „עמוד־אש״ אויגען עס שטראַהלט אַרויס, א שטראַהל פון ליכט, וועלכער בעזילבערט גאָט׳ס וועלטיל און ווינקט מיט ליעבע אַרויף גאַנץ הויך.

אין דער סאַמע מיט פון טיעפען אונענדליכען וועלטען־רוים, וואָס ארום דעם פאָדים, שטראַהלט פּלוצלונג אויף א ליכ־טיגע זון, אויף וועמענס זונניגער־שוים „איך״ רוה...

מיט אמאָל האָט ווער א בלאָז געטהאָן, און די זון אויף וועלכער איך האָב גערוהט, האָט אַרום פאָדים זיך אָנגעהויבען דרעהען, מיט א אויסערגעוועהנליכער געשווינדקייט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ... און מיין האַרץ האָט געצויגען צו ביידע וועלטען...

די יונג־פרוי וואָס פון אויבען גאַנץ הויך האָט מיט איהר גאַנצען ווייבליכען רייץ מיך געצויגען אַרויף און אַרויף....

די פרוי וואָס פון אונטען אין שווארצען איינגעהילט, האָט מיט אמאָל פאַנאַנדערגעעפענט איהרע ווייבליכע אַרעמס און מיט איהר גאַנצען ווייבליכען רייץ מיך געצויגען צו איהר אַראָפּ און אַראָפּ...

דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט... דאָס האַרץ האָט געפלאָ־